STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03442

BLONDZSHENDE MOTIVEN

Jacob Joseph Davidson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלאָנדזשענדע מאָטיוון

לידער

פון

יעקב יוסף דאַווידסאָן

סאַן פראַנציסקאָ—לאָס אַנגעלעס

1937

ZELMAN BESPALOFF
410 Bartlett St., AT 2-6611
San Francisco 10, Calif.

Wandering Moods

Copyright by

J. J. DAVIDSON

San Francisco, 1937.

91

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיינע עלטערן

משה דוד און מרים ע"ה

גאָט

דו ביזט ערשטער עבר, לעצטער עתיד,
קוואַל פון פאָרשטעל פאַר זינדער און חסיד.
דו ביזט דער ענדלאָזער קוויל פון אידייען,
בלינדער אָפּגרונט פון פריידן און ווייען.

גאָט! אין צוויבער־האָריזאָנטן איינגעהילט,
דערזע איך דיך נאָך יעדן שטורעם איינגעשטילט.
אין ברויז פון ים, פון טייך, אין שטומען שטיין,
און אין די פלאַמען־פּאַליעס פון זונפאַרגיין.

אין קאַלטן ברען, אין מיין איינזאם ציטער,
דערפיל איך דיין גלעט, דיין ליבע־פליטער.
אין מיין וועלן שטייגן העכער, העכער אליין,
ווערט מיר לייכטער דיך צו פאַרשטיין.

איך זע דיך אין פארב פון בלום.
און אין אלץ, וואָס איז אפילו שטום.
איך זע דיך אין עקסטאַז פון מענטשנקינד
און דיין וואָרט דערהער איך דורכ'ן ווינט.

י. י. דאַווידסאָן

צ ו ו י ט

ווי א בוים אין פעלד, אליין,
אזוי מיין עלנד, נשמה׳ס געוויין,
טראָגט אַמאָל פרוכט, אַמאָל צוויט.
אין לעבנ׳ס פייער גליט, גליט.

דער יתרון פון מיין לעבן,
אַ פּאָרים ענדלאָז אין וועבן,
אין פארבן זיין אייגענעם צוויט
ליגט טיף אין יעדן אבר, גליד.

ווי נאָך ווינטער קומט פרילינג,
פון נייע לעבנס זינגט אַ טרילינג,
און וועקט אלץ נייע, נייע בליטן,
אזוי טויטם די ברענגט אירע צוויטן.

אָ, צוויט פון לעבנס בוים!
איך זויג, טרינק אייער טרוים:
איר מאַכט לייכט מיין נויט,
און איך דערפיל: נישטאָ קיין טויט.

ביים ים

עס קושן זיך הימלען צוויי.
צוויי וועלטן אין אייביקן ליבע ווײ.
ים און הימל, ים און הימל,
פלעכטן זיך אין לוסטן דרימל.

ווייט אויף דעם וואסער לאזור,
צעשיקט זיינע פיילן אַמור,
אַף זעגל שיפן וואָס דער ווינט יאָגט,
און הערצער אין ליבע טרוים נאָגט.

עס בלאָזן קילע ווינטלאך פריי,
דער הימל געוועלב זעט אוים ניי.
אויסגעטאַנצט ווערט אַ צויבער שפיל,
און עס צינד זיך אַ גליטערער געפיל.

עס הערן זיך שטימען, פריילאכער געלעכטער.
פארפלאמטע האָריזאָנטן ווי צניעות׳דיקע טעכטער.
עס שפילן זיך זאָרגלאָז צוויי הינט.
אלץ וויברירט און פולסירט געשווינט.

איך שטיי, קוק און טראַכט:
הימל, ים, מענטש און הינט,
איז לעבנס שימערירענדע פראכט,
ווי בשמים־פאַליעס געטראָגן פון ווינט.

עוואָלוציע

דו, איך, אלע מיר,
זיינען פריער געווען.
די גראָז אונטערן טיר,
זאָגט נישט ווי, ווען.

געקומען איז דער גערוך,
די ליכט ארום ברעג.
נישט צום אויסדערציילן אין בוך.
אַלץ איז אָן אַן עק . . .

ביזט מיינע געווען פריהער,
ווי לאנג צוריק קען איך נישט וויסן,
און צוזאַמען מיט דיין דערציהער,
זיך געצויגן, געריסן, צן געניסן.

פון דער צייט די אייביקע פליגלען,
וועלן טוט קיינמאָל נישט פאַרזיגלען.
אייביק טראָגן זיי פאר אונדז טוי.
אלץ, אלץ לעבט, עס איז אַזוי:

דער טאָג, די נעכט אָן אַ צאָל,
וועלן נאָך ברענגען גליק אַמאָל.

אין אַ שטילן מאָרגן

רוהיק שמייכלט דער מזרח, און שטראַלט.
איבער באַרג, איבער פעלד, איבער וואַלד,
בשמים טראָגן זיך און שוועבן.
זיי וועקן, צינדן, רופן אַלץ צום לעבן.

דער טייך אַ גלאַטער בלוילאַכער שפּיגל.
עס עפנט זיך טיר, שלאָס און ריגל.
דער הימלס-געוועלב איז טיף בלוי
און עס גלאַנצט, פינקלט דער טוי.

איך שטיי פאַר'חלומ'ט און הער.
אַ ווייטע ברומען דערטראָגט זיך אַהער:
דערטראָגט זיך צו מיר קייטן קלאַנג,
דעם צער פון שטאָט געזאַנג.

בלאָנדזשענדע מאָטיוון

מיינע געדאַנקען און געפילן,
בלאָנדזשענדע מאָטיוון, און צילן.
וואָלקנס, געטריבן פון ווינט:
ווי אַ בליץ, שנעל פארשווינדן.

ווי ים'ס ווייסע ברוסטן, —
אזוי מיינע פאַרלאַנגען, לוסטן,
רייסן־זיך צום ענדלאָזן רוים.
לויפן אריבער זייער צוים.

ווי פאר פויגל אַ נעסט,
אזוי איז מיין שטרעבן,
צו ליבע, ווייט־נאָהענטע געסט,
אן אייגענע נשמה צום פארוועבן.

ווי דינסטע זונענשיין,
אזוי מיין בלאָנדזשענדער זיין,
וועט שטאַרקערן לעבנס שנור,
איבערלאָזן אַ באַשטימטן שפור.

ווי פון ווינט צובויגענע צווייגן,
האָט מיך בענקענדער פלאַטער צעבויגן.
פאַרפירעריש און אין טיפן שווייגן,
אויסגעלאָשן די פרייד פון מיינע אויגן.

דער טראָפּן

געווען איז זי אַלט,
איר בליק מיד, קאַלט,
דאָך געהאַלטן זיך שיין
קאָקעטיש געווען איז איר גיין.

באַגעגנט האָב איך איר אין קעלט;
איר וועזן פאַרהילט, פאַרשטעלט.
איר בלאַס בלויער נאָז,
דערציילט האָט מיר וואָס. —

איך האָב דערזען אַ טראָפּן רינען,
דערציילט האָט עס מיר געשווינט,
פון טיפעליידן, שטילן פּיין.
אָט דער קריסטאַל זילבער שיין.

דערציילט פון פאַרוועלקטע יוגנט כחות
פאַרהילט אין אַ קאַלטן פּרוכת.
שטאַרער גלאַנץ פון לאַנג.
טויט'ס עכאָ שטילסטער קלאַנג.

דערהערט ווי ווייטער עבר רופט.
שטיל אין דער אומזיכטבאַרער לופט,
איז דער קאַלטער טראָפּן געהאַנגען.
אַ זכר פון אויסגעלאָשענע פאַרלאַנגען.

י. י. דאַווידסאָן

דער שטן

טרויעריק, טרוקן און שטרענג,
אין וויסטן טומל, און געדרענג,
זעט אָפּט אוים דעם שטן׳ס געזיכט.
אייביג פאַרטאָן אין זיין מיסיע, פליכט.

זיין ארבעט אָפּט באַשטייט,
ווען ווער אף גאָט׳ס וועגן גייט,
יענעם מאַכן נישטיק, שוואַך, קליין.
גלאָריפיצירן לוסט, זינד מאַכן שיין.

ער פאראכט אָפּט פריידן, געוויין.
זיין ווילן, מאַכט ליבע פארגיין.
פון זיינע ציין דער גלאנץ,
לאכט, שפּילט, דער טויטן טאַנץ.

כאָטש ער האָט פילע געשראָקן,
דאָך וועקן נאָך אליץ זיינע גלאָקן,
ליידנשאַפט ציטער, לוסט קרעכץ,
נאָך אַליץ געדופן פּאָטער פון שלעכטס.

דער סוד

אויסגעוואַקסן ווי אַ פעלז פון ים,
אין אַ רווישיקער סביבה פון סם.
איז ער מוטיק אַליין געשטאַנען,
און נישט דערלאָזט לעבן פאַרוויאַנען.

געשפינען גליק נישט פאַר זיך אליין.
ער האָט געשפרייט זיין גייסטס פאַרפיומען.
געוואַכט, געהיט זיינע נשמה בלומען.
פאַר די מערסטע אַ סוד שווער צו פאַרשטיין.

ווי א ליכט וואָס ברענט לאַנגזאַם אויס,
אזוי שטיל איז ער פון לעבן אַרויס.
ער האָט מיטגענומען אין זיין ערדישן קבר,
דעם סוד, פון קענען לעבן מיט יעדן אבר.

געזאָגט האָבן זיינע געציילטע פריינט,
ער איז געווען באַגאַבט, גרויס.
אָבער די מערסטע פון זיינע פיינט
האָבן גיפטיק געשפעט, געלאַכט אין פויסט.

ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ העלד,
האָבן די לייט אלץ גע'טענה'ט, געזאָגט.
ער איז נישט מער ווי א דאָרן אין פעלד,
וואָס דער ווינט האָט פאַר אונדז אָנגעיאָגט.

י. י. דאווידסאָן

ווידוי

זיי וויסן, מיין פריינט,
עס קען זיין דיר שיינט,
מיר שטייען העכער פונ׳ם ווידע.
יאָ, איך בין זיך מודה: —

מיר האָבן פיל פראָגרעסירט,
דאָך זענען מיר אלץ פאַרפירט.
מיר האָבן געשאַפן אַ רייכע קולטור,
אָבער מיר פאָלגן בלויז „עגאָס" שפור.

מיט אונדזער גאנצן וויסן,
איז דער צוועק נאָר צו געניסן,
און מיר באַשטייגן גאָט׳ס אָרט,
בלויז מיט דעם געשליפן וואָרט.

אַ געוויסער

געווען אַ קאַלטער ווינטער,
בלאַסע זונען נישט מונטער,
האָבן פראָסט־בלומען געזייט.
ס'האָט גאַנצע טעג און נעכט געשנייט.

עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן,
ביז וואַרעמע זונען האָבן גענומען שאַלטן,
און געקומען איז דער פרילינג,
מיט זיין גלאַנץ, פויגל טרילינג.

די פריילאכע שטראַלן,
האָט אַליך געטאָן אויפפראַלן.
מיטגעריסן, נישט געבליבן שטיין,
אייז וועגט געמאַכט פאַנאַנדערגיין.

עס איז געוואָרן אַ געוויסער,
פאַר פילע אָן אונגליק, אַ מיאוסער.
אַליך פאַרטראָגן האָט דער שטראָם,
איינגעשלונגען טייכ'ס גרעניץ, צאַם.

און אַרונטער איז ערד'ס טויטער שלייער,
דאָך האָט דער געוויסער געשראָקן זייער.
כאָטש אַנדערע איז פריילאַכער געוואָרן אין הארצן,
ווען די ערד האָט אַנטבלויזט איר קערפער שווארצן.

זיך באַפרייט פון ווינטער גליווער זיינע צאַמען,
עס האָבן דאַן די טייכן אין אויפגעברויזטע שטראָמען,
און זייער דערוואכונג האָט צעשמאָלצן דעם טויט,
צעריסן די קייטן פון ווינטערס עלנד, נויט.

איך האָב דאַן ביי זיך שטיל געטראַכט:
פּלוצעם האָט זיך די זון אַזוי צעלאַכט,
איבער ערדס וויסט לעבן און אייביקער נויט.
נו, איז זי איצט געקומען פאַרטרייבן דעם טויט.

איך ליב

איך ליב דאָס לעבן,
כאָטש שנעל טוט עס פאַרשווועבן.

וואָס איך קען ליבן,
איז דאָס לעבן,
כאָטש וואונדן טיפע,
טוט עס מיר געבן.

איך ליב דעם מאָרגן,
כאָטש מענטש טוט זאָרגן.
איך ליב פון דער זון די פראַכט
כאָטש לאַנג איז די נאַכט.

איך ליב די מאַמע נאַטור,
כאָטש גיפט פיילן ביז גאָר,
שיקט זי צו אירע זינדער.
צו דערוואקסענע, און אפילו צו קינדער.

אַקטיאָרן

די וועלט איז א בינע,
מיט אירע קאַפּריזן, מינע.
די מענטשן זענען אַקטיאָרן,
אין ליבע און אין צאָרן.

סיי אין הויז, סיי אין גאַס,
שפּינען מיר גליק מיט נאַרישן שפּאַס:
מענטשן טראָגן אַלערליי מאַסקעס.
קוויקן זיך מיט צינישע לאַסקעס.

די וועלט איז אַן אילוזיע, אַ טרוים.
אידעאַלן, ווילן, ווי וואַסער שוים.
טויט דער נעכטן, לעבן היינט,
ווי קינדישע אויגן לייכט, שיינט...

ביז לאַנגער שלאָף וועט אונדז באַפאַלן,
די וועלט אַ בינע און מיר די אַקטיאָרן.
לאָמיר אַלע זינגען, טאַנצן, שפּילן, שאַלן.
בלויז שיין צו שפּילן זענען מיר געבאָרן.

י. י. דאַווידסאָן

א י י פ ע ר ז ו כ ט

ווען אין האַרצן צינדן זיך ליבע־בלוטן,
און עס פלאַקערן דאָרט העלע פלאַמען, —
איז שווער זיך דאַן פון אייפערזוכט אויסהיטן.
שווער דאַן דעם שטורעם־דראנג צו צאַמען.

פונקט ווי אין פרילינגס מאָנאַט מאַי,
בשמים און גיפטן טראָגן זיך פאַרביי,
אַזוי די פאָזיטיווע קערפערלאַכע זייט,
ראַנגלט־זיך מיט דער אָביעקטיווער צייט.

אייביקער גייסט׳ס ווילן, דינסטער ליכט׳ס געפיל,
פלאַטערט אַריבער גוף, אין טיפסטער שטיל,
און עס ווילט זיך אליין צאַמען, זיך אליין פאַנגען,
אין די פאַליעס פון אייפערזוכט׳ס פייער קלאַנגען...

מיין לעצטער שיר השירים

באַלד וועט מיין ווילן פאַרגיין, אין ווייט ווייטער רו,
מיין איך גליווערן וועט, אין קאַלטן ציטער, ערגעץ וואו.
אין טיפסטע טיפענישן, שלאָפן וועלן מיינע פאַרלאַנגען,
און טויב וועלן ווערן, אלע מיינע לוסטן, אלע געזאַנגען.

זאָל פאַר דיר מיין איצטיג ליד ווערן,
דיין אייביקער באַגער פון אַלע באַגערן.
ווי פאַר אייביק הונגעריקע, זאָל זיין סנאָפּעס זאַנגען,
מיין לעצטער געזאַנג פון אַלע געזאַנגען.

איך האָב דיך אייביק ליב, ווייל,
דו ביזט דער געטלאַכער פייער זייל,
וואָס באַשטראַלט מיינע נשמה־וועגן,
צינדסט און וועקסט מיין גליקס שטעגן.

ווייל טיף, ווי דער טיפסטער קוואַל,
און ווי פון זונען־הויכקייט וואַסער־פאַל,
שלאָגט מיין בענקשאַפט צו דיר,
ווען עס פליסן דיינע טרוימען צו מיר.

דו האָסט די ערד פאַר הימל געמאַכט,
איז נאָר פון דיר איך חלום, איך טראַכט,
נאָר פון דיין קוש, פון דיין צויבער זיגל.
דו האָסט מיר געגעבן פאַנטאַזיע פליגל.

איך ליב דיך, נאָר דיך אַליין,
ווידער וועט זון לויכטן נאָכ׳ן פאַרגיין.
ניי און רייף איז מיט דיר מיין לעבן געוואָרן.
איך פיל נישט מער עלנט, פאַרלאָרן.

איך ליב דיינע דרימלענדע לוסטן,
און כאָטש קליין דיינע פרויענברוסטן,
נאָר צו דיר ווערט מיין לײדנשאַפט געצויגן,
צו די שטראַלן פון דיינע צויבערישע אויגן.

זינט ס'האָבן זיך באַגעגנט אונזערע בליקן,
האָבן שנעל אויפגעפלאַמט אַלע מיינע גליקן.
אָפּגעמעקט איז פאר מיר שרעק און לויער;
דו ביזט מיר ליב אין דיין פרייד, אין דיין טרויער.

א געטלאַכע סימפאָניע זיינען פאר מיר דיינע רייד,
געבענשט איז דער, וואָס דיך פאַרשטייט,
דעם שליסל צו דיין האַרצן טוסטו יענעם צייגן.
פלאַמיגע צויבער־האָריזאָנטן איז דיין שווייגן.

ווי פארזייטע, געפלאַנצטע אַקער־ציילן,
אזוי איז מיר יעדער איינער פון די טויזנט ווײלן,
געגנוג, איך זאָל דיך אייביק ליבן,
און פילן דערוואַרעמט, געקרישט פון זונען זיבן.

ווי פרילינג ווינטעלאך וואָס קרישן די בלומען,
אזוי ביזטו צו מיר אין איינזאַם געקומען.
צו דיר זיך־ציהען אַלע מיינע טענער שטילע,
מיין טיפסטער עקסטאַז, מיין יעדע תפלה.

צו דיר

עס זינגט צו דיר
מיין הארץ א ליד,
וויזיעס אָן אַ שיעור,
מעלאָדיעס אין צוויט.

סיי אין בלאַסן טאָג,
סיי אין פינסטערער נאַכט,
איין געבעט איך פאַרמאָג:
בלייב דו מיין ליכט, פראַכט.

אין ים פון לעבן,
נאָר צו דיר טו איך שוועבן,
דו ביזט מיין נשמה'ס געדיכט,
מיין שימערירענדע מוזע ליכט.

נאָך לאַנגן גליווער, בענקען,
האָב איך דיך געפונען,
ביזטו אליין געוואָרן מיין דענקען,
און עס שיינען טויזנט זונען.

רואיק, הייליק און געלייטערט,
וועל איך קומען צו דיר,
וועסט מער נישט זיין דערוויטערט,
ווען איך וועל אָנקלאַפן אין טיר.

אין דיכטערס לאַנד פון גליק,
וועלן מיר ביידע גיין,
עס וועט שיינען אונדזער בליק,
שיינע בלומען וועלן מיר זייען.

איך וועל דאָרט צו דיר,
פון נייע טענער זינגען אַ ליד,
איך, און דו צו מיר,
וועלן קיינמאָל ווערן מיד.

איך און דו

איך און דו זענען ווי אַ צווילינג,
מיר קענען שאַפן אייביקן פרילינג;
געגעבן האָט אונדז גאָט איין נשמה,
פאַר דער וועלט אַ געטלאַכע נחמה.

איך און דו האָבן זיך געטראָפן,
צו לינדערן דעם שליאַך פון שטראָפן,
דעם שווערן לעבנס וועג פוןליידן,
איך און דו קענען זיך נישט שיידן.

איך און דו ווען אין שטח ווייט,
קענען ווינטער מאַכן פאַר פרילינג צייט,
דעם פינסטערן שרעק פון עלנד, נויט,
באַלייכטן מיט אונדזער נר תמיד קנויט.

מיין ליבע צו דיר און דיינע צו מיר;
שיינט ווי די זון אין אייביקן סדר, שיעור;
נישט ווי אַ חלום וואָס שווינד אַוועק,
זי פליסט, אונדזער ליבע אָן אַ ברעג.

מעגן דיינע דינע, צאַרטע קאַפּריזן,
שטעכן מיין האַרץ ווי מיט פייער שפּיזן,
מעג איך זיך זאָרגן פאַר דיין גליק,
טיף אָבער אין דער נשמה רוט ליבע בליק.

מעגסטו אין בלינדן ווירבל פון לעבן
ווערן וועמען דיר איז באַשערט ווייב,
וועל איך נאָר צו דיר לעכצן, שטרעבן,
נאָר צו דיר וועט פלאַטערן מיין לייב.

איך בין ווי אין איינזאַמער פעלד דער שטיין,
וואָס אַמאָל פון זיין פאַרגליווערטער זאפט,
וואַקסט אַ שיינע, צאַרטע בלומען קרוין,
פון וועלכער דו, ווי די בין האָניק שאַפּט.

ווי דער מעטעאָר, וואָס טראָגט זיך אין רוים,
אַזוי פלי איך אין מיין ליבע אָן צוים,
אַ שטיקל, אַ שפּריצל פון דער גליענדער זון;
פאר דיין גליק ווילט זיך מיר אַלץ טאָן.

י. י. דאַווידסאָן

ספקות

טיף בלוי אָן אַ וואָלקנדל שוואַרץ,
האָט געמאָלן מיין פאַרבענקט האַרץ,
פון די שענסטע פאַרבן אַ הימל,
יעדער געדאַנק אַ ליכטיק בלימל.

אָבער דו, אונטער דיקן שטיין,
פון דיין רייכן לוקסוס געצעלט,
האָסטו יענעם הימל זעען פאַרפעלט,
און טויב איז דיר געווען מיין געוויין.

האָסט זיך גיך באַהאַלטן,
אַ דערשראָקענע פון נויטס געשטאַלטן;
נישט געקאָנט מיך ליבן,
אונטער אַ הימל, אַ טריבן.

אומזיסט געוואַרט אַף דיין דערוואַכונג,
געוואַקסן איז דאַן דיין אָפּשוואַכונג,
אונטער לעבנס דריקנדיקער נויט,
איז דיין ליבע געפאַלן טויט.

אין ווירבל צו געניסן געשווינט,
האָט זיך פאַרלאָשן מיין צוציאונגס ווינט;
עס האָבן דיך פאַרפירט דיינע ספקות,
אויסגעלאָשן דיינע לעצטע ליבע דבוקת.

אוןביידע זענען שולדיק,
איצט פרעג איך אונגעדולדיק:
ווער קומען ווילן אַ נייער? —
ווידער אָנצינדן דעם געטלאַכן פייער? —

אַ שטימונג

אין אַ בלייכער לבנה נאַכט,
צום ים ציט מיך, ציט,
בלאַסע שטריכן, נאַכטס פּראַכט,
אין שטערן קיניגרייך גליט . . .

אַ גרין זילבערנער גליטער
פון די כוואַליעס זיך שפּרייט,
נאַכטס סודות'דיקער ליבע ציטער,
ווי פאַרהוילען אין אַ כלה'ס חופּה קלייד . . .

שטיל איז לבנה, שטיפעריש דער ים,
יעדער רייסט זיך פון זיין צאַם,
יעדער שעפּטשעט זיין האַרץ באַגער,
יעדער וויל גליק וואָס מער . . .

י. י. דאַווידסאָן

זיגזאַגישע אילוזיעס

פול מיט שרעק קוקט אויס די וועלט,
בלויע הימלען מיט דיקן שלייער פאַרשטעלט,
יעדער בלאָנדזשעט פאַרלאָרן, אליין,
יעדער פום פאַרוואונדעט פון שטיין.

עס ווילט זיך אַנטלויפן ווייט אַוועק,
אפילו דעם בראַוון כאַפּט אָן אַ שרעק,
איך קוק אין צפון און אין דרום,
פון אלע זייטן וואַקסט אַ שטורעם:

פינסטער און עס שטיקט איבעראַל,
ערגעץ נישט קיין ליכטיק שטראַל,
און פלוצלונג אַ זיג-זאגן פינקל,
צעשפּריצט זיך פון אַ מזרח ווינקל.

אַ בליאַסק אין פענסטער, טיר,
שפּילט באַהעלטעניש מיט מיר,
רופט, מאַניעט צו זיך,
און פאַרשווינדט ווידער גיך.

אַף פול מיט בלומען,ביימער, באַרג,
אַפּ'ן סאַמן שפּיץ פון זיין קאַרג,
דערזע איך אַ פּרעכטיק מויער אויסגעצויגן,
און עס גלאַנצט, גלאָצט, מיט טויזנט אויגן.

איך דערהער עכאָס פון וויטן קראַך,
דערזע מאַסיווע טירן באַם הויפּט שליאַך,
מיט אויפשריפטן: „טאָלעראַנץ, האַרמאָני",
עס מאַרשירן ריטער אין שטאַרקער קני . . .

און אַף דעם טורעם פון דעם מויער,
פריילאַך, לוסטיק אָן שום טרויער,
מיט גאָלדענע לאָקן, בלויע אויגן,
האָבן מיך מיידלשע בליקן צוגעצויגן:

אירע רייפע קערפּער גלידער,
און איר מאַגישער וואונק, רוף,
ווי אַ צאַרט ווינטל וועקט אוף,
מאַניעט, רייצט מיך ווידער.
עס פלאַטערט די פאָן פון גליק,
און עס רייצט, גליט איר בליק.

באַצויבערט וויל איך אַהין גיין,
אָה, איך און זי, וועלן זיך פאַרשטיין,
אין הייליקער שטילקייט, אָן וואָרט,
גאָט'ס ליבע וואַרט פאר מיר דאָרט.

אָבער נאָכ'ן ערשטן אימפּעט ריס,
ווערן ווי בליי שווער מיינע פיס,
איך פארליר דעם זיג־זאגן שטעג,
און פארצוימט צו איר ווערט דער וועג.

אונטן אַ מענטשן געראנגל יאָגט, לויפט,
איינער שאַפט, דער אנדערער קויפט,
עס איז פאר אלע אַ יאָך שווער,
אין דעם זיגזאַגישן הין־והער.

איינער איילט, לויפט זוכן אויל,
אַ צווייטער בלויז גאָלד אָדער קויל,
און אַ דריטער אַ קרישקע נעמער,
שמייעט, רופט ווי אַן אָרעמער קרעמער.

זיי זיינען אַלע פאַרנאַרט,
ליבע, האַרמאָניע אפשר קיינמאָל געגאַרט,
לויפן זיי, קענען נישט איינשטיין,
טראַכט איך און וויל ווייטער גיין.

לאַנגזאַם האָט זיך געצויגן מיין טראָט,
איך האָב דערהערט אַ געלעכטער, אַ שפּאָט:
אָט דער איז אַ טרוימער, ער איז דול,
מיט אויסטערלישע אילוזיעס פול.

ער וויל צו איר אַפּ'ן טורעם,
זעט, ער שטרעקט צו איר זיין אָרעם,
און זוכט איר ליבע, זיין גליק,
פאַרווירט, אָפּגענאַרט וועט ער קומען צוריק.

זי וועט אים מאַכן טאַנצן, שאַלן,
און אַ קרבן וועט ער זיכער פאַלן,
באַם רייץ פון איר שוים, פוס;
קיינמאָל וועט זי אים געבן גליקס גענוס.

אַ שרעק האָט זיך צעברענט אין מיינע גלידער,
שוואַרץ און שוואַרצער איז געוואָרן ווידער,
ליכט און שאָטן זענען פאַרביי ווי פייל פון אַ בויגן,
איך האָב דערפילט אָט פאַרציט טויט מיינע אויגן.

מיין פיבערישער צווייפל און שרעק,
האָט מיך געטריבן אין וואַלד אַוועק,
דאָרט וועלן מיך דערקוויקן זיינע ריחות,
דאָרט וועל איך אָנשעפּן נייע כחות.

דאָ אין טומל צווישן מענטשן,
וועט מיך גאָט קיינמאָל בענטשן,
וואַלד איז האַרמאָניע מאַגישע,
דאָ אָבער בלויז אילוזיע זיגזאַגישע.

געצויגן, קוים דערשלעפּט זיך, קוים,
אונטער אַ ריזיקן אַלטן בוים,
אַף האַרטער ערד געלעגט זיך אַנידער,
נישט געפילט מיינע מידע גלידער.

אָפּגעלעגן אין פיבער דרימל דאָרט,
נישט גערירט זיך פון מיין אָרט,
ביז לאַנגזאַם אַ העלער שטראַל ליכט,
האָט ווידער אָנגעצונדן מיין געזיכט.

און אין קלייכער פּראָסטע, ריינע,
איז פאַר מיר געשטאַנען אַ פרוי, אַ שיינע:
אירע טרוימעריש, טונקל, סאַמעט אויגן,
האָבן מיך גענומען לאַסטשן, האָבן מיך געצויגן.

איר שמייכל האָט מיך געמאַכט מונטער,
זי האָט געפּליסטערט „פאַל נישט ארונטער״;
עס האָט געצונדן, געוועקט איר שטילער באַגריסן,
האָב נאָר מוט, וועסט נאָך קענען געניסן.

איר פלאַם איז געשטיגן שנעלער גיך,
איך האָב דערפילט גליק גלעט מיך,
און מיראַזשן, וואונדער זענען געשען,
נייע לוסטן, זונען, טוען ווידער אויפגיין.

באַלד אָבער האָט איר לייב,
געמאָנט די ליידנשאַפט פון ווייב,
מיך פאַרשלונגען אינ׳ם פלאַקער ים,
אַריבער גרעניץ, אַריבער מיין צאַם.

געברענט האָבן אירע קרשן זים,
עקזאָטישער עקסטאַז באַפוילן האָט „געניס!״
פאַרצערט דעם מאַרך פון דאַרע ביינער,
און ווידער געבליבן עלנד, אַליין, איינער.

עס האָבן געווײנט מײנע מידע גלידער,
וואָס אילוזיע האָט מיך פאַרפירט ווידער,
און דאָס זאַטקייט פון מײן געניסן,
האָט מיר געבראַכט אַ בענקענדן געוויסן.

צווישן פײערן פון לעבן און טויט,
אין מײן זיגזאַגישן געראַנגל פון גליק, נויט,
מיך אויסגעבערענט ביז גרויען אַש־קויל,
טיפער, טיפער געזינקען אין אילוזיע קנויל.

מאָמענטן

עס גיט לעבן מאָמענטן,
מיאוס ווערט דער מסחר מיט סענטן,
די ערד ווערט אַזוי קליין,
און איבל דער מענטשלאַכער געווײן.

אין אַט אַזאַ צײַט,
ווי דער אָדלער פֿאַרשפּרייט,
טו איך פֿליען, שוועבן,
אין הויכע ספֿערן שטרעבן.

און ווער איך מיד,
קער איך מײַנע טריט,
צו דער ערדס שוים,
שײַן זעט אַלץ אויס.

גליק, ליבע אָן צוים,
און דער אַלט אַלטער בוים,
האָט ווידער אויפֿגעבליט,
עס ציט מיך ווידער, ס'ציט.

שנעל ווער איך זאַט,
און מײַן געמיט מאַט
פֿראַגן שווימען ארויף ניי,
מאָמענטן שווער ווי בליי.

און איך צאַנק, צאַנק,
עס זוכט מײַן געדאַנק,
דעם יתרון פֿון פֿאַרגעניגן,
און פֿאַרוואָס טויט טוט לעבן באַזיגן.

ווילסט לעבן?

און ווען דו ווילסט לעבן,
טו נישט צו העלדישקייט שטרעבן;
זוך נישט נאָר דעם בעסטן,
גליק, קען מען נישט קויפן, מעסטן.

לאָז דאָס לעבן פליסן פריי,
אום פריש צו זיין, ניי;
זוך נישט בלויז דעם העלד,
א ביישפיל נעם פון פעלד: —

אַלץ וואַקסט אין פעלד,
פלאַקס דינער, דעמב העלד,
אלץ וויל לעבן, וואַקסן, געניסן,
טו זאָל יעדנס לעבן פריי פליסן.

שטיל טרינק פון דיין לעבן,
זאָל זיך גליק שפינען, וועבן,
אַ לעבנס טרוים אָן מאַטער, פיין,
זאָל עס צינדן ווי אַלט אַלטער וויין.

גלייך מיט אַלע

איך איפער מער נישט דעם קינסטלער,
ווייל אויך אים איז אָפטמאָל פינסטער;
אויך זיין איינפּלום פאלט אַמאָל אין שפּאָט,
נישט אייביק בלייבט ער דער זון פון גאָט.

איך זינג נישט מער קיין לויבגעזאנגען,
דעם, וואָס זוכט נאָר זיין גליק צו פאַנגען;
זעלטן ווען דער העלד זיך טראכט,
אז ער, גלייך מיט אַלע דורות געבאָרן,
מוז אַמאָל דערפילן לעבנס שמאַכט,
ווען אלע אין דער אייביגקייט ווערן פארלאָרן.

און איך שאַף זיך מער קיין געטער,
ווייל אלץ טוישט דאָך דער שפּעטער;
קיינמאָל קיין איפער צום רייכן דערשפּירט,
אויך זיין גליק, אין גרונד זיך פארלירט.

איך, איר, זענען גלייך מיט אלע,
געבאָרן, פאַרלאָרן ווי איין סטאַדע;
ראַסן, קלאַסן, קאָלירן פון איין שעפער, גאָט,
אלץ קומט פון איין קערנדל, איין דרינגלאכן געבאָט.

י. י. דאַווידסאָן

וויסן

פוסט זיינען געווען די מחות,
אין גרויקייט געשלאָפן אלע כחות,
באַוועגט האָט זיך אלץ שטיל,
געשלייעט האָט זיך בלינד, מזל'ס שפּיל.

און עס האָט אזוי געדויערט,
ביז מענטש האָט זיין לעבן פאַרמויערט,
מיט אייזערנע ציוויליזאציע ווענט,
געשמידט זיך אין קייטן אָן אַן ענד.

דאָך, פון זיין פאָרשטעל, זוכן, פאָרשן, וויסן,
און מיט דער טרייב־קראפט צו געניסן,
אויסגעוועבט הימלען אָן אַ שיעור,
געמאַכט זיך פאַרן לעבנס גביר.

דער וויסן שאַפט נייע אינטערעסן,
מאַכט אונדזער הילפלאָזיקייט פאַרגעסן,
פילט אָן אונדזער ענגן חלל פון לעבן,
גיט אונדז פליגל אריבער אייגענע ווענט צו שוועבן.

ג ע ד אַ נ ק ע ן

הייליקע, צאַרטע, ליבע געדאַנקען,
איר האָט מיר איבערגעלאָזט אַ מידן, א קראַנקן,
איינזאַם, אליין, ווי אין אַ הינער־פּלעט,
עס איז בליק־שנעל אַוועק אייער סאַמעט גלעט.

מאָמענטאַל באַלויכטן מיין עלנד לעבן,
און שנעל ערגעץ וואו געטאָן פאַרשוועבן;
איך האַלט אייך אין איין זוכן, אָבער אומזיסט,
מיין ענגע סביבה איז לער, פּוסט און וויסט.

איר האָט געוועקט אין מיר טאַלאַנט,
און איך האָב געזוכט צו זיין גאַלאַנט,
צו פאַרטרייבן די שרעק פון מיין הארץ
און זיין אַ באַלזאַם פאַר דעם וועלט־שמאַרץ.

איך בין אָבער גאָר גיך אַ סוחר געוואָרן,
און איך האָב זיך פאַרטומלט, פאַרלאָרן;
איך בין געוואָרן א קרעמער פון געדולד,
מיינענדיק אז איך צאָל דער וועלט מיין שולד.

י. י. דאַווידסאָן

דאַן

קיינמאָל נאָך אין מיר,
און פאר מיין טיר,
האָט אַזוי זון געלאכט,
נאָך קיינמאָל געווען אַזאַ פראכט.

קיינמאָל האָב איך נאָך
אזוי געפיל טיף פאַרשטאַנען,
דאָס נישט נאָר וואָך,
אויך יום טוב פאַראַנען.

ווי דאן, אָ, דאן!
ווען דו מיין טרוים שוואַן,
אין יענער גליקס נאַכט,
אַנטפלעקט האָסט דיין פראכט.

אין אלע זאָרגן פארגעסן,
אונטער גליקס צויבער געזעסן,
אין יענער צייט, דאן,
פריי געווען אף יעדן שפאַן.

אַלע געווען מיינע פריינט,
אומעטום האָט אַלץ געשיינט,
עס איז גוט געווען דאן,
לוסטיג יעדער טראָט, שפאַן.

די גיפּטיקע בלום

איך האָב אַמאָל געפֿונען אַ בלום,
געוואָלט איר קושן, טוליען צאַרט אַרום,
ווי נאָר אָבער איך האָב דערפֿילט איר טעם,
האָט זיך צעבּרענט אין מיר אַ סם.

זי האָט פֿאַרגיפֿטעט מיין נשמה,
האָב אויפֿגעהערט קעמפֿן, פֿירן אַ מלחמה;
איך האָב פֿאַרלאָרן אין זיך מיין גלויבן,
טרוימען, אידעאַלן, זענען צעפֿאַלן אין שטויבן.

עס איז איצט פֿאַר מיר מער קיין וואונדער,
וואָס גרויסע גייסטער לעבן באַזונדער;
זיי ווייסן די געפֿאַר פֿון דעם לעבנס ים,
און היטן זיך פֿון דעם רייץ פֿון בלומען סם.

י. י. דאַווידסאָן

אַ אידיליע

סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט,
פון איר נאָר איך טראַכט, טראַכט;
אין זון אָדער וואָלקנדיקן טאָג,
וועקט זי און ברויזט מיין בלוטדיאָג.

מיין הארץ אין בענקעניש צעגייט,
ווען נאַכטס שלייער זיך פאַרשפּרייט,
איך בענק אַזוי, טרוים און בענק,
נאָר פון איר און מיין גורל איך דענק.

אָ, ליבע, מענטשנס ציטערדיקער גליק,
זע, פול פייער גליט מיין בליק,
ווען וועסטו זיך און מיך פאַרשטיין?
מיין ליבע וועט קיינמאָל אונטערגיין!

איך ליב דיך, וויל דיין גליק באַשיצן,
כאָטש דיין קערפּער קען איך נישט באַזיצן:
איך ליב דיך אָן אַ גרעניץ, אָן אַ צוים,
מיין טרייהייט באַרירט ווער קוים.

אָ, לאָמירביידע מיט פליגל,
פליען אין האַרמאָניע אָן זיגל,
אין שטילסטע חלומות און שווייגן,
אין גליקס שטראַלן שטייגן, שטייגן.

איר געבורטס־טאָג

עס איז געווען איר געבורטס־נאַכט,
איך האָב גע'חלומ'ט פון איר רייז, פּראַכט,
און בין געקומען צו איר הויז, טיר;
זי אָבער אין איר אימפּולסיוון נישט פאַרשטיין,
האָט מיך באַפוילן זי צו פאַרלאָזן, אַוועקגיין.

אין יענעם אָוונט בלאַסן,
האָב איך דורך פילע גאַסן,
געזוכט אַ טרייסט, אַ נחמה,
לינדערן, לייטערן מיין נשמה:
און צו דערטרינקען דעם ביטערן סם,
בין איך אַוועק צום ברעג ים.

געזונגען האָט דער ים,
געריסן זיך פון זיין צאַם;
מער ווי אלע מאָל יענעם היינט,
האָט ער מיט הימל חן געשיינט.

אין זיין ברויז צו הימל, ערד,
האָב איך אַ טרייסט דערהערט.

עס האָט דער גרויער ריז,
ווי מיט אַ שאַרפן הייסן שפּיז,
אין יענער איינזאַמער בלאַסער נאַכט,
דורכגעשטאָכן מיין עלנד, לייד,
רואיקע, ווייסע פליגל געשפּרייט: —

עס איז איר געבורטס-נאַכט,
נישט טרויער, נישט שמאַכט.
פיל שיינקייט פאַרמאָגט דאָס לעבן,
אָפטמאָל נאָר חלומות קענען מיר וועבן,
אָבער קיינמאָל צום ענד-ציל דערשטרעבן.

אַזוי האָט אויך ים געטראַכט,
אין יענער עלענדער געבורטס-נאַכט.

קאָנקורענטן

ענג איז ארום טיש,
געטראכט האָט די פליג;
בעסער צווישן בלומען אַ מיש,
אפשר איינמאָל האָבן אַ זיג.

מיאוס ארום מענטשן זשומען,
בעסער ארום די צאַרטע בלומען,
אין פרייען גרינעם פעלד,
פרובירן אויך זיין אַמאָל העלד.

אומזיסט אָבער געווען איר פליען דאָרט,
ווייל יעדער בלום און זים אָרט,
באַזעסן געווען מיט פיל בינען,
די פליג איז קוים מיט'ן לעבן אַנטרינען.

און אַ ביטערן גאליגן שעלטן,
האָט אויסגעגאָסן די פליג,
אויף אירע ברוטאַלע קאָנקורענטן,
קומענדיק אין איר קיך צוריק . . .

י. י. דאַווידסאָן

לעבן

לעבן איז קורץ, לעבן איז זיס,
אַ געזעץ מעכטיקער פון יעדן שפּיז:
אַ שנעל פאַרפלויגענע פאַנטאַזיע,
אומעטום איין דראַנג, דאָ ווי אין אַזיע.

לאָמיר בעסער אַלע האָבן איין פּלאַן,
לאָמיר אַלע זיין פאַראייניגט ווי איין מאַן.

ווי בלומען אין יעדן פעלד, גאָרטן,
האַלטן דעם סוד פון זייערע געבורטן,
פאָלגן געדולדיק אין דער שטיל,
דעם אייביק וועבענדן לעבנס שפּיל.

אַזוי, מיר מענטשן־בלומען,
מיט פאַראייניגטן ווילן און קראַפט,
קענען שאַפן די בעסטע פאַרפומען,
דעם בעסטן נעקטאַר פאַר יעדן וואָס שאַפט.

ע ל נ ט

ליבע מאַמע, מיין האַרץ צעגייט,
געשטאָרבן איז ליבע אין מיר,
מיין זון לאַנגזאַם פאַרגייט, פאַרגייט,
פון מיין אומעט, בענקעניש צו דיר.

אַוועק די גאָלדענע טעג פון אַמאָל,
ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד,
זיך געבאָדן אין ליבע אָן צאָל,
אין צאַרטער ריינקייט, אָן זינד.

באַלד וועל איך שטיל קומען,
צו דיר אין אייביקן שלאָף,
מיט רויז, מוטער פון בלומען,
באַצירן מיין עלנד, מיין שטראָף.

אויך צאַרטע ליליעס ווייסע,
אַ בעכער פול מיט טרערן טראָפּנס,
וואָס ס'ליגט אין זיי פון מיין עלענד די מעשה,
וועל איך דיר לייגן צעקאָפּנס.

גרויע האָר

אָ, איר גרויע האָר!
צווייט פון גאָטס קילן שפּור.
בליהונג פון אַ בוים,
אין איינזאַמען רוים.

נאָך אין מיין יוגנט,
אין ברויז פון טוגנט,
האָט מען מיך שוין באַדויערט,
וואָס מיין נשמה טרויערט:

באַדויערט מיינע גרויע האָר,
און מיינע טרוימען טיף קלאָר.
אין מיין אימפּעדיקן יוגנטס־שפּאַציר,
האָט זיך שנעל געביטן זייער קאָליר.

עס האָט דאן מיין הארץ,
פול מיט דעם וועלט שמאַרץ,
פלאַם פייער, העליש, געברענט.
אויף גרויען אַש צעמאָלן, פארשוואונדט.

און באַצירט האָט מיך גאָט,
מיין קאָפּ אין דער פרי מיט גרוי.
מיך געזאלבט מיט מאָרגן טוי;
אין ריטם פון מיין טרוימערישן טראָט.

מיין צואה

און ווען איך וועל דערגיין, שטאַרבן,
זאָל קיינער נישט טראָגן קיין שוואַרצע פארבן.
עס זאָל קיינער דאן נישט טרויערן,
און מיר נישט שטעלן מצבה־מויערן.

יונג אין שטראָם בין איך געשטאָרבן,
געפאלן אין לאסט פון שווערע זאָרגן.
גליקס געננס גענצלאך פארפעלט,
נישט געשטרעבט צו ווערן אַ העלד.

זאָל קיינער פון אייך, איבער מיר נישט וועקן קיין יללות,
פון די לעבעדיקע מאָנט א לעבן אָן קללות.
מוטיק זעצט פאָר אייער פרייהייט שטרעבן.
דערציט זיך בעסער צו אַ שענער לעבן.

דאָס גוטע אין יעדן באַזונדער וועקן,
און פאר קיינע שטערונגען זיך שרעקן:
אָט דאָס איז מיין צואה, מיין פארלאנג,
דאָס וועט בלייבן מיין קבר׳ס געזאַנג.

מיין מוטערס קבר

ברייט און גרין איז יענע פעלד,
עס סוד'ן זיך דאָרט גראָזן און בוימער.
אליך איז דאָרט האַרמאָניש אויסגעשטעלט,
דאָרט רוען לאַנג איינגעוואַנדערטע טרוימער.

און עס שפּינען זיך דאָרט,
לאַנגזאַם, שטיל, אויף יענעם אָרט,
די איבערוועלצונג פון יעדן גליד,
דער ווייטסטער חלום פון אַ ניי ליד.

אונטער גרינע בוימער, טולפּאַנען,
שלאָפן לעבנס געקומען פון דאַנען.
כאָטש די מערסטע קענען נישט פאַרשטיין,
אז שיין איז אויך דאָס פאַרגיין.

און די גראָזן, בלומען, מיר דערציילן,
פון דעם אייביקן לעבנס־וועב, אַ סך.
פון פילע ווייט נאָענטע, וואָס פעלן,
וואָס בלויז שטילקייט איז זייער שפּראַך.

זיי דערציילן מיר יעדער באַזונדער,
דאָ רוען מאַמעס אין ערדישן הימל וואונדער,
אין ליבעם עפּיר, אין שכינה אָן אַ צאָל,
אייביק, אייביק, היינט, אזוי ווי אַמאָל.

איך ווער אָנגעהויכט פול מיט גלויבן.
אין מיין שעפּטשענדיקן ציטער פון לויבן,
ווערט פול מיין פאַרבענקט האַרץ,
און טראָפּנווייז פאַרשווינדט מיין שמאַרץ.

י. י. דאַווידסאָן

צוויי אַרבעטער

צו דער ארבעט יעדן מאָרגן,
פלעגט ער גיין פעסטגעשטעלט.
איך איבערגעבויגן אין שווערע זאָרגן,
ביז געווען פון אַנאַנדער וועלט.

ער פלעגט מיר אָפט מקנא זיין,
וואָס איך פלעג אַלעמאָל אַרבעט בייטן,
און מער פון אים געניסן זונענשיין,
פונקט ווי אַ יורש פון גליקס צייטן.

איך פלעג קיינעם נישט דערציילן,
ווען אָפטמאָל הונגערן איך פלעג.
ער, פלעגט עסן נישט פארפעלן,
געגאַנגען זיכער אין זיין וועג.

זיין זיכערקייט האָט אים געמאַכט,
מיט זיין פאַך-פאַראיין שטאָלצירן,
פון ארבעט, שאַפ, אייביג געטראכט,
וועלט פראָגרעס קיינמאָל נישט באַרירן.

און אַמאָל געטריבן פון נויט,
האָב איך געזוכט אַ רעטער,
אפשר דורך אים קריגן ברויט,
דורך אים ווערן זיין פאראיינס אַ פארגעטער.

נישט דאָ איז דיין אָרט,
האָט ער אויסגעברומט זיין וואָרט.
די ביזט גיפטיק ווי דער שפּין,
און די לאַכסט פון אונדזער דיסציפּלין.

ביזט אונזיכער מיט דעם טאָג,
ווייל פאַלש איז דיין וואָרט, צוזאָג.
דו ליידסט פון הונגער און קעלט.
לומפּנפּראָלעטאַריער איז דיין וועלט!

אזוי האָבן מיר ביידע געלעבט,
אין פאראכטונג, אין צאָרן געשוועבט.
איינער דעם אַנדערן געווען פרעמד,
פאַרקוויפנדיק אונדזערע העמד.

י. י. דאַווידסאָן

דער קריזיס רופט

ווי לאַנג וועט איר ווי בלאָנדזשענדע סטאַדעס,
פאַרצווייפלט אָנפילן די לופט מיט אומעט־כמאַרעס?
ווי לאַנג וועט איר טראָגן די שרעקלאַכע נויט,
אין א צייט פון לוקסוס, שפע, אזוי פיל ברויט?

ווי לאַנג וועלן אייערע דאַרע, איינגעצויגענע לייבער,
פאַר אייערע שונאים'ס מעטרעסעס, אלערליי ווייבער,
מוזן שאַפן רייכטימער, וואונדער איבער וואונדער, —
ווען איר אליין צוט אַ לעבן אין נויט, אין הונגער?

גענוג געגערט זיך מיט וואָס נאָר עס איז.
צוזאַמען זענט איר אלץ שטאַרקער פון שונא'ס שפּיז.
צוזאַמען קענט איר פאַרטרייבן עלנט, פון יעדער שטוב,
און באַגראָבן יעדן פאַראַזיט אין טיפער גרוב.

גענוג געווען פאַר די באַזיצער, לוינשקלאַפן,
און פאַר דורות געדולדעט אלערליי הערשער, גראפן.
זאָל אייער שטאַלענער געדולד שוין פּלאַצן,
וועלן אלע טיראַנען פאַרלירן זייערע פּאַלאַצן.

גענוג געצויגן אַ לעבן פול מיט גאַל.
איצט רופט צו אייך פרייהייטס שאַל.
גענוג אייך געקאָרמעט מיט האַס, ליגן.
אָרגאַניזירט זיך, ווערט נישט אַנטשוויגן.

די שטים פון פרייהייט רופט צו אייער מוט.
פאַראייניקט זענט איר מעכטיקער פון יעדן קנוט.
באַווייזט אייער אמת צו אלע אייערע רויבער,
און יעדנס לעבן וועט ווערן פריי, ווי דורך צויבער.

אָט אזוי האָב איך געהערט ווי קריזיס שטימע רופט:
אַרבעטער פאַרניכטעט די פעסט, מאַכט ריין אייער לופט!

פעלדער

בלוטיק־רויט געפלאַמט האָט דער טאָג.
אַלץ האָט געטאַנצט אין בלוטן־געיאָג.
ברייט האָט געפלאָסן אַ גאָלדערנער טייך.
גינגאָלד באַצירט האָט אַלעמען רייך.

פעלדער אויסגעפוצט אין געל־גרין.
צווישן קאָרן געוועבט האָט איר נעץ די שפּין.
די לופט האָט אירע בלוטן געוועקט.
אין לוסט האָט זי זיך צו איר קרבן געשטרעקט.

אין פּורפּור שמייכל, איז ענדלאָך געקומען נאַכט.
געקוש פעלדער, אין איר רייצינגן פּראַכט.
געלאַשטשעט, געצערטלט אין ליבע צוזאָג,
פון אַ נייעם אויפברויז אין אַ ליכטיקן טאָג.

ווי אַ ריטער פון די אַלטע צייטן,
האָט זיך איר פּרויען־חן געשפּרייט אין אַלע זייטן.
רייטנדיק אױף איר זילבער ווייסן פערד,
האָט זי צאַרטע בלומען געזייט אין וואַכער ערד.

איך קען נישט באַגרייפן

איך קען נישט באַגרייפן, וואָס איז לעבן?
איך זע נאָר פארבן שוועבן.
אין ווייטן גרונט פארגיין,
ווייט אריבער אונדזער פארשטיין.

איך קען נישט באַגרייפן וועגן שטערן,
מיינע אילוזיעס טוען זיך מערן,
אין זוכעניש צו זען קלאָר,
דעם מאַגישן הימלס לאַזור.

איך קען נישט באַגרייפן, וואָס איז נאַטור?
אלץ טוישט זיך, פלאקס, האָר.
אלץ וואקסט אין דער שטיל.
נאַטור האָט נישט קיין ציל.

איך קען נישט באַגרייפן וואָס איז ליבע?
וואָס שאַפט געפילן זיס-טריבע.
טרייבט אונדז אין מיסטישע ציילן;
בליצנדיקע שטאָף פון אַמורס פיילן.

איך זע אַ קייט אָן אַ ברעג.
פלעכטענדע געזעצן פון נאַטור,
וואָס טוישט דעם קאָליר פון אַ האָר.
אָן אַ ציל, אָן אן ענדלאָזן צוועק.

ווינקל און שנייד

ווינקל און שנייד,
ווינקל און שנייד.
מאַנכע יונג, און
מאַנכע אַלטע לייט.

ניי און שטעך,
שטעך און ניי.
פאַר מאַנכע קום,
און פאַר מאַנכע גיי.

קניפּ און פלעכט,
פלעכט און קניפּ.
מאַנכע וועלן חתונה האָבן,
און מאַנכע ניט.

איין און אויס,
איין און אויס.
מאַנכע טאַנצן,
און מאַנכע שפּילן אויס.

בלאָנדזשענדע מאָטיוון

צו א ווינטעלע

בלאָז ווינטעלע, בלאָז,
מאַך פרישער די גראָז,
בלומען דופטן טראָג,
גוטע בשורות זאָג.

בלאָז ווינטעלע, בלאָז,
איצט איז דיין צייט,
צו גלעטן די בלעטער,
קילן דאָס הייסע וועטער.

בלאָז ווינטעלע, בלאָז,
האַרבסט איז נאָך ווייט,
מאַך סוד'ן די צווייגן,
זאָלן זיי נישט שמאַכטן, שווייגן.

י. י. דאַווידסאָן

דער פירער

ומי יתן כל עם ה׳ נביאים
במדבר, י. א., ל.

דורך דעם מדבר לאנגן, ברייטן,
אַף וועגן ווילדע, אָן שום קווייטן.
איבער בערגלאך, טאָלן וואָס בריהען,
און לאנגזאם, טריט ביי טריט זיך ציהען.

האָט געפירט זיין שקלאפן פאָלק,
מיט ליבע, טאַקט און טאָלק,
דער גרויסער, טרייער, שטאָלצער פירער.
געוועזן מער דערציער ווי רעגירער.

אין איינזאַמער שטילקייט יענער,
צו די האַרטע שקלאַפן־מענער,
גערופן האָט פרייהייטס שאָל.
קאַמפס לוסט, גליקס שטראַל.

אָבער שקלאַפן לאנג, לאנג גענאַרט,
האָבן מער פאר פרייהייט נישט געגארט.
נישט פארלאנגט זיך צו דערציען,
אז זייער גליק זאָל אויפבליען.

פאַרמאַטערט פון לאַנגער נסיעה,
האָבן זיי פארלאנגט נאָר מאָמענטאַלע ישועה.
רק געמאָנט פון זייער פאַטערליכן פירער,
און אמאָל געפאָדערט ווי פון אַ בייזן רעגירער.

און אַמאָל האָט געטראָפן, ס'האָט פּאַסירט,
און כמעט ווי צו אַ רעוואָלט דערפירט.
צוויי מוטיקע בחורים, נאַאיווע יונגע לייט,
האָבן מיט רוח נבואה גענומען רעדן פאַרשייט.

דערשראָקן איז די האלב ווילדע מאַסע געוואָרן,
און צעפלאַקערט האָט זיך זייער פאַנאַטישער צאָרן.
אין גרוים שרעק האָט מען דעם פירער אָנגעזאָגט,
אַז אַ בייזע, אַ נייע נביאה זיך טראָגט.

דער פירער אָבער האָט אלעמען באַרוהיגט, געטרייסט,
און געזאָגט אַז גאָטס ווילן אזוי פאַרלאַנגט, הייסט.
זאָל זיך נייער גייסט אלעמאָל אָפּן אַנטפּלעקן.
זאָל פרישער שכנה־שמייכל קיינעם נישט אָפּשרעקן.

עס איז גוט, וואָס יונגע גייסטער האָבן דערוואַכט,
מיין איינפלוס וועט צוליב דעם נישט ווערן אָפּגעשוואַכט.
יוגנט דאַרף און מוז ווייטער דעם כוח נביאה וועבן.
פאַר זייער דור פרישער צו מאַכן דאָס לעבן.

פאראורטיילט

און פאראורטיילט האָט מיך לעבן,
צעבראָכן מיין גליק, מיין שטרעבן,
דערפירט צום גליווער פון אַ שטיין;
קיינער דערהערט מיין שטיל געוויין.

איך בין איינגעשפאַנט אין אַ וואָגן,
און מיינע כחות טוט עס ארויסיאָגן:
סיי די נאַכט און סיי דער טאָג
פארשלינגט אליך, וואָס איך פארמאָג.

מיינע אויגן שפריצן פינקען,
און איך טו לאַנגזאַם זינקען, זינקען:
אין מיין יאגד נאָך דעם ביסעלע גליק,
פאַל איך אונטער אורטיילס דרוק.

אַוועק איז זונס פראכט,
אָנגעקומען איז די נאַכט,
און מיט אירע שטילע טריט,
זינגט זי מיר אַ שרעקנס ליד.

עס לויפן פארביי מחנות געשפענסטער,
קוקן אריין אין מיין אָפענעם פענסטער,
בלוטיק לאַכן שדים׳שע פייער צינגער,
און פייקלען מיט זייערע דאַרע פינגער.

זיי זענען עס זיגער פון לעצטן שלאַכט,
לאַכן זיי פון אונדזער ליבע שמאַכט,
באַטרונקען קומען זיי עס פון איר,
און שפאָטן, לאַכן בלוטיק פון מיר.

מיין האַרף איז צעבראָכן

איך האָב געוואָלט זינגען לידער,
אָבער אונטער שוואַכע, מידע גלידער,
האָב איך נישט געקענט צום לעבן וועקן,
דער געראַנגל, טומל, האָט מיך געטאָן שרעקן.

און צעבראָכן אין אַ ווינקל, ליגט מיין האַרפע,
איך האָב דערשפּירט לעבנם ציינער שאַרפע,
עס זענען איבערגעריסן געוואָרן אירע סטרונעס,
און איך האָב פאַרלאָרן מוזעס זיסע כונות.

איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט זינגען,
נאָר לאַנגזאַם, לאַנגזאַם וועלן פאַרשלינגען,
אין טיפן אָפּגרונט ווי יעדער מידער,
און פאַרשטומט וועלן ווערן מיינע לידער.

י. י. דאַווידסאָן

דאָס וואַלד בלימעלע

אין א געדיכטן פינסטערן וואַלד,
אַוואו די זון קיינמאָל שטראַלט,
וואַקסט זיך אַ צאַרט בלימעלע,
איז עס פאַרבליבן אָן אַ פּגימה'לע.

עס האַלט דאָס קעפּעלע געבויגן,
צום פעלד ווערט עס געצויגן,
גאַרט נאָך אַ זון שטראַל,
דיקע שאָטנס אָבער איבעראַל.

און אַמאָל איינגעוויגט אין טרוים,
פון ברייטן, אונענדלאכן רוים,
און הימלס שיינע לאַבירינטן,
קומען, שרעקן איר בייזע ווינטן.

מיט אַ ווילדער שנעלקייט,
שטויביק ווערט איר העלקייט,
צעטראָגן ווערן אירע רחות,
און זי בלייבט אָן כחות.

די באבע

אין דרויסן איז ליכטיק,
אױף דעם גאַניק ריין, ציכטיק;
אין דרויסן איז א מחיה,
עס שיינט די זון אַ נייע.

דאָרט צווישן גרינע בלעטער,
שעפּענדיק דאָס פרישע וועטער,
זיצט די באָבע איינגעבויגן,
צום גרינס קוקט אָנגעצויגן.

איר פּנים איינגעשרומפּן,
די הויט פאַרמעט געל,
און זי מורמלט שטיל,
אַ תּפלה מיט געפיל:

„גיב, ליבער גאָטעניו, גיב,
גוטע פּרנסה און שטוב,
נישט וויסן קיין יאָמער,
אַ גוטן ליבן זומער".

איך בעט עס נישט פאַר מיר,
גיב עס מיין טאָכטער, איר:
איך בין שוין אן אַלטער שאַרבן,
די יונגערע לאָז נישט שטאַרבן.

גערולד

מאַמע, טאַטע, שוועסטער, ברודער.
שאַ, שטיל, אָן שום גערודער;
לאָמיר לערנען, טראַכטן, ציהען.
שענער, שענער, בליהען, בליהען.

זאָל ווייט אונדזער בליק,
לערנען קלאָר צו וויסן.
קומען וועט שוין אונדזער גליק.
אונדזער גורלם צייט צו געניסן.

לאַנגזאַם ציט דער שנור.
פארלירט ווער לעבנס שפור,
גערולד, נישט שרייט.
ענדלאָז איז די צייט.

צאַרט און מילד,
איז דער בויען גלעט.
בייז און מורא'דיק ווילד,
דער צעשטערונגס-פלעט.

צאַרט בליט דער בוים.
באַזאַכט וועבט זיך אַ טרוים.
גערולדיק טראָגט מוטערס-טראַכט,
אין דער שטילער שעפערישער נאַכט.

א גרוס

טייערע ליבע קינדערלאַך,
צאַרטע בלומען אין די וויקעלאַך,
איך שיק אייך אַ גרוס,
אַ זיסן ליבעספולן קוש.

איך וויל אייך האַרציק צודריקן,
נישט דערלאָזן אייער גליק דערשטיקן;
פאַרניכטן יעדן ווילדן דאָרן,
וואָס קען אין הערצער צינדן צאָרן.

עס וועט קומען אַ צייט,
עס איז שוין נישט ווייט,
קינדער וועלן געשעצט ווערן,
זיי וועלן קיינעמס גליק שטערן.

איך שיק אייך אַ גרוס,
אַ זיסן ליבעספולן קוש,
פון צוקונפטס חסיד,
פון דעם גליקלאכן עתיד.

נאַטורס קינדער

פיל שיינע געזונטע קינדער,
די פויגל אינזעקטן און רינדער,
פאַרמאָגט אונזער מאַמע נאַטור,
אלע באַפאַרבט פון הימלס לאַזור.

עס פאַלן זונ׳ס סנאָפּעס ליכט,
זי טוט זאָרגלאָז איר פליכט,
און באַלעבט אַלץ יעדן מאָרגן,
ווען אפילו וואָלקנס איר פאַרבאָרגן.

עס וואָיעט, שטורעמט, דער ווינט,
אַמאָל לאנגזאַם, אַמאָל געשווינט,
דער בוים זיין בליאַכץ פאַרלירט,
אַלץ פון מאַמע נאַטורס האַנט באַרירט.

אויך ערד מיט בלומען טישן געדעקט,
באַצויבערט זי, און ניי לעבן וועקט;
מיט איר אייביקן טיף טליענדן פייער,
איז זי נאַטורס קינד אַ געטרייער.

און דער טייכן פראַכט,
פליסט, לעבט און לאַכט,
ציט זיך אָן צערעמאָניע,
דערפרישט מיט זיין האַרמאָניע.

אלע, אלע נאַטור־קינדער,
לעבן אָן מאַסקעס פון זינדער,
פאָלגן יעדער זיין באַרוף,
אָן קריג אין אייגענעם גוף.

נאָר דער מענטש איינער,
ווייטער מער קיינער, קיינער,
אוצרות איז נאָר זיין באַגער,
ער אליין מאַכט זיין לעבן לער.

דער סנה

דורך דער לאַנגער, ברייטער וויסטע,
מיט קאָפּ, הארץ, נישט קיין פּוסטע,
איבער וועגן שווערע, זאַמד און שטיינער,
ציט דער פּאסטוך אליין זיין וועג, איינער.

ציט צום אָאַזיס, ביימער שלאַנקע, דינע,
אונטער ווייכע צווייגן, בלעטער גרינע,
הערן וויל ער גאָטס דרינגנד וואָרט,
וועבן, פלעכטן, גוטע פּלענער דאָרט.

ער וויל באַפרייען אַן אָרעם שקלאפן־פאָלק,
און דערציען זיי מיט יושר און טאָלק;
באַפרייען פון זייערע טיראנישע רעגירער,
זיין זייער לערער, נביא, פירער.

און פּלוצלונג האָט אַ פלאַקער פייער,
פון דעם מדבר אויסגעדארטן סנה,
דערמאָנט אים אין זיין היים, שייער.
ער האָט דערפילט דעם צער פון שעפסן מעע.

גענענט האָבן דעם סנה'ס פלאַמען אַ מויל,
און גערופן האָט גאָט'ס שטאַרקע קול:
טו אויס מיין שליח דיינע פאַסטוך שיך,
געגנוג דיר טרוימען, גיי אַהיים גיך.

און ווי גאָט'ס דינער געטרייער,
האָט ער פארנומען זיינע קלאַנגען,
געבראכט פריער די שעפסן אין שייער,
נאָכער גענומען ברעכן שקלאַפן צוואַנגען.

דער טרוימער

עס קאָכט מיט מענטשן,
מ'הערט שילטן און בענטשן,
אויף דער שטיינערנער גאַס,
אין לעבנס חלל, פוסטער פּאַס.

און אַמאָל איז איינער געקומען אַהער,
מיט דער וועלט־נויט באַלאָדן שווער;
געקומען נייע וועגן צו לערנען, צייגן,
ער קען עס שוין מער נישט פאַרשווייגן.

ער רעדט מיט פייער און רעדט,
די מאַסע אָבער פאַרצינישט, שפּעט,
פון דעם צאַרטן אַסקעט, טרוימער,
זיי האַלטן אים פאַר זייער ווילנס־צוימער: —

עס הערן זיך אויסרוף־שטימען,
אין מיטן טומל און זייער ברומען: —
חלומות זיינע זענען פּוליבּטע שיין,
אָבער קיינער קען אים פאַרשטיין.

ער שטרענגט זיינע כחות,
אָבער די ביינערנע פוסטע מחות,
לאכן פון אים אין צינישן שפּאַס,
פון זיין האַלטונג און געזיכט בלאַס.

אָ, איר אלע צאַרטע טרוימער,
פאַרלאָרן ווערט אייער גאָטס-וואָרט,
אין אַ וועלט וואָס איז בלויז אַן אָרט,
צו גלאָריפיצירן ברוטאַלן זיג, מאָרד.

י. י. דאווידסאָן

די ערד

ווי שיין דו ביזט געווען אין דיין יעדן מאַניר,
אַזוי וואונדערבאַר שיין אָן אַ שיעור.
דיין שטימע, זיסטער געזאַנג,
פון זעלטענסטן הימלשן מוזיק קלאַנג.

דו האָסט צוריק געבראכט דאָס לאַנג שוין פאַרלאָרענע,
דערמוטיקט דאָס נאָך נישט געבאָרענע,
דיין וואַרעמקייט האָט צעשמאָלצן דעם פראָסט,
געטלאַך געווען דיין באַרוף, דאָך איינפאַך פראָסט.

דו האָסט אריינגעגאָסן אין מיין בלוט ווידער
אַ שטראָם פון נייגעבוירענע צויבער־לידער.
און האָסט אָנגעפילט מיין ברוסט,
מיט נייע פארלאנגען און לוסט.

הייסער, נייער קאַמף האָט זיך געטאָן מעהרן,
אונטער דעם מעכטיקן דרוק פון נייע באַגערן.

איצטער איז אליך געוואָרן טויט,
די וועלט איז פוסט, איינגעטונקען אין נויט.
שיינקייט ליגט אין גאָלד, און שמוץ,
פאר דעם העכסטן נישטאָ קיין נוץ.

די שטונדן, זיי שטאַרבן אין מיר,
זיי בלאָנדזשען דורך דעם ווילקיר;
פארלאָרענע אין מיין יונגער ברוסט,
פארמאטערט פון אַ לעבן אָן אינהאַלט, פוסט.

די שטונדן טויטע, ליגן און פוילן,
ווי רויטע פויגלען געטראָפן פון קוילן.
בעסער שוין דער סוף, די ענדע,
בעסער שוין דער שלאָף פון דער לעצטער לעגענדע . . .

י. י. דאַווידסאָן

די באַרעמהאַרציגע שוועסטער

נישט אין די געגילטע סאַלאָנען,
פון די מעכטיקע, באַרימטע באַראָנען,
אויך נישט אין די בלוטיק טונקעלע טעמפלען,
וואו סענסועל פארפירישער בליאַסק טוט זיך לעמפלען.

און אויך נישט אינמיטן קלינגענדן פּאַראַד,
פון דעם גרעסטן מענטשלאַכן פּאַראַט,
צווישן די אין זינדיקער בושה אויסגעצירטע,
פון פוסטער שטאָלץ אייביק פארפירטע.

נישט דאָרט וואו רייכקייט, גאָלד, שימערירט,
האָב איך דיין צוציאונג דערפילט.

נאָר צווישן באַשיידענע ווייס געקאַלעכטע ווענט,
דאָרט האָבן דיינע אויגן צאַרט, ווי קינדערשע הענט,
ווי בערגיקער אַזור, בלוילאַכע פּאַליעס,
האָבן מיט אַ סאַמעט-גלעט געצערטלט אַלעמענס טאַליעס.

זוניק, לייכטענדיק, האָסטו מיך באַגעגנט שוועסטער.
האָסט זיך באַוויזן ווי וואונדער דער גרעסטער!

דיין פיגור געפורעמט אין ווייס-בלוי,
האָט געשוועבט ארום יעדן, איד, אָדער גוי.
דו האָסט אויסגעטיילט דיין הילף צו יעדן באַזונדער,
און עס האָט געלינדערט, געהיילט, באַוויזן וואונדער.

יעדן מאָרגן, זונשיין, אָדער רעגן,
האָסטו יעדן קראַנקן געטאָן אויספרעגן;
און דיין פּנים פריש ווי די פרישסטע בלום,
האָט גענאָסן פרייד און פנימער קרום.

איך זינג דיר נישט בלויז צו קאָמפּלימענטירן,
אָדער זיך אליין ליידענשאַפטלאַך צו פאַרפירן.

אָה, איך וויים פילע זינגער,
וואָלטן וועלן קושן דיינע פינגער;
און אפילו דעם גרעסטן דיכטער'ס לויב,
איז פאַר אַזאַ ווי דו, אַ שטויבל פון שטויב . . .

אַ ליד

טיף, טיף אין מיר,
פאַר דיר, פאַר דיר,
אַ הייסער געפיל גליט,
צו זינגען אַ ליד: —

זינגען פון מיינע געפילן,
דערנענטערן די צילן,
ליכטיק מאַכן מיין געמיט,
שטאַרקן אונדזערע טריט.

און ווען עס וועט מיר געלינגען,
אַזאַ סאָרט ליד צו זינגען,
פאַר זיך און פאַר אייך,
וועלן מיר ווערן רייכער פון רייך.

אינהאַלט

זייט

גאָט	5
צווייט	6
ביים ים	7
עוואָלוציע	8
אין אַ שטילן מאָרגן	9
בלאַנדזשענדע מאָטיוון	10
דער טראָפּן	11
דער שטן	12
דער סוד	13
וידוי	14
אַ געוויסער	15
איך ליב	16
אַקטיאָרן	17
אייפערזוכט	18
מיין לעצטער שיר השירים	19

זייט

צו דיר — — — — — — — — — — — — 21
איך און דו — — — — — — — — — — — — 22
ספקות — — — — — — — — — — — — — 24
א שטימונג — — — — — — — — — — — — 25
זיגזאגישע אילוזיעס — — — — — — — — — 26
מאָמענטן — — — — — — — — — — — — 31
ווילסט לעבן ? — — — — — — — — — — — 32
גלייך מיט אַלע — — — — — — — — — — — 33
וויסן — — — — — — — — — — — — — 34
געדאנקען — — — — — — — — — — — — 35
דאן — — — — — — — — — — — — — 36
די גיפטיקע בלום — — — — — — — — — — 37
אַ אידיליע — — — — — — — — — — — — 38
איר געבורטס־טאָג — — — — — — — — — 39
קאָנקורענטן — — — — — — — — — — — — 41
לעבן — — — — — — — — — — — — — 42
עלנט — — — — — — — — — — — — — 43
גרויע האָר — — — — — — — — — — — — 44
מיין צוואה — — — — — — — — — — — — 45
מיין מוטער׳ס קבר — — — — — — — — — — 46
צוויי ארבעטער — — — — — — — — — — 48

זייט

דער קריזים רופט — 50
פעלדער — 52
איך קען נישט באגרייפן — 53
וויקל און שנייד — 54
צו אַ ווינטעלע — 55
דער פירער — 56
פאַראורטיילט — 58
מיין האַרץ איז צובראָכן — 59
דאָס וואַלד בלימעלע — 60
די באָבע — 61
געדולד — 62
אַ גרוס — 63
נאַטורס קינדער — 64
דער סנה — 66
דער טרוימער — 68
די ענדע — 70
די באַרעמהאַרציגע שוועסטער — 72
אַ ליד — 74

66-5167